אשה מעוברת ל״קוואטער״ בברית מילה, ושושבינה בחתונה

בגליון עה (ש״פ בשלח, יו״ד שבט) עורר הרב משה ווינער על טעם המנהג דאשה מעוברת אינה שושבינה בחופה וקוואטער בברית;

בהתוועדות שלאח״ז – ט״ו בשבט – התייחס כ״ק אדמו״ר להערתו, וביאר ביאור מחודש בטעם המנהג.

בגליון עו (ש״פ יתרו) שקו״ט בדברי כ״ק אדמו״ר בנידון, ובהתוועדות דש״ק ענה כ״ק אדמו״ר על כמה מקושיות אחדים. ובשבועות שלאח״ז המשיכו לדון בזה בהקובצים.

לאחר מכן, הגי׳ כ״ק אדמו״ר ׳ליקוט׳ מהענין, שנערך מב׳ השיחות דט״ו בשבט וש״פ יתרו, ויצא לש״פ תזריע.

בגליון פז (ש״פ מצורע) דנו על תוכן הליקוט, ובשיחת ש״פ מצורע ענה כ״ק אדמו״ר על השאלות.

גליון עה (ש״פ בשלח, יו״ד שבט) כתב הרב משה ווינער:

רבים הם השואלים האם יש בו ממש בהמנהג דאשה מעוברת אינה שושבינה בחופה, ולא קוואטער בברית.

הנה בס׳ זוכר הברית (לבעמ״ס מטה אשר על השמלה חדשה וש״ס) סימן י״ט סי״ג כתב ״אשה מעוברת נוהגין שלא תהי׳ קוואטערין, ולא נודע הטעם, ואולי משום שלא תשמע צעקת הנמול או תראה דמו ותפיל ח״ו. שוב מצאתי שכתב כן בס׳ ליקוטי סופר״.

והעיר על דבריו הגה״ק ממונקאטש במכתבו בפתיחת ס׳ הנ״ל דטעמו ״הוא טעם שאין לו טעם וריח, דא״כ מדוע לא תהי׳ שושבינה בעת החופה (וחד מנהגא היא). ואי משום שהיא שם בבית היולדת – ע״ז יאסרו כל המעוברות לילך עם

Printed from Otzar HaChochma

הילד לבית הכנסת למולו, ולא נהגו כלל כן כו'. ודרכי להורות בכזה כשיבאו וישאלו – אם כי אין למנהג הזה שום מקור כלל – אך הנני שואל אם אין כריסה בין שיני' שנראה לעין כל, אז כיון שהעולם מקפידין (לו יהי' מטעם המנהג בלבד), עכ"פ יש חשש עין הרע כשמתאספים האנשים ונשים בחופה או בברית מילה, כיון דהוה מילתא דלא שכיחא כנ"ל שלטא עינא, חלילה, כנודע בדרז"ל בכמה דוכתי. משא"כ כשהיא בחדשים הראשונים, שאין ניכר ונראה לאחרים, הגם שהיא מעוברת ודאי הנני מתיר, ובפרט לדבר מצוה בעיני בעל ברית או בעל חתונה". והו"ד בשערים המצויינים בהלכה סי' קמ"ז סי"ב, ובעוד איזה ספרים.

ונראה להעיר בזה (ובכל כיוצא בו) מספר חסידים סי' רס"א "כל דבר שתופסין אותו בחזקת סכנה, אפילו אינו מקום מסוכן – מזיק, לפי שלשון בנ"א ועינם מזקת". ובפי' מקור חסד שם ציין לירושלמי תרומות פ"ח ה"ג, ושם – שצריכין למיחש למאי לברייתא חוששין, וע"ש.

ולאחר החיפוש שוב מצאתי שכבר עמד ע"ז (וקדמו לס' זוכר הברית הנ"ל) ברית אבות (ע"ה מילה) בסי' ה' סכ"ו, דמרגלא בפומי' דנשי כשהאשה מעוברת אזי לא תהי' קואטירן וגם לא תסייע כלל לתת את התינוק לבהכ"נ, וטעמייהו שיש ח"ו איזה סכנה לולד. וגם הוא כתב דלא ידוע לו שום שורש ויסוד לזה (והביא טעמו דס' לקוטי סופר הנ"ל (והראה מקומו בדף ח"י ע"ב) ומסגנון לשונו נראה דגם הוא לא ניחא לי' מטעמו), וסיים "אבל מפני שכל דבר שמחזיקין אותו לסכנה ראוי לחוש לו . . ע"כ שב ואל תעשה עדיף", וראייתו מס' חסידים הנ"ל וירושלמי תרומות הנ"ל. וברוך שכיוונתי. ועיי"ש שהעלה עוד חיזוק למסקנתו הנ"ל מתשובת הרשב"א הידוע (ח"א ס"ט) דבכל דבר שיש קבלה ביד זקנים וזקנות לא נסתר קבלתם וכן מפ"ח יו"ד סי' קע"ט ס"ג שהביא משלט"ג פ"ב דע"ז שראוי לאדם לחוש על החשש שחוששים בו הבריות (ועיי"ש מה שהעיר בזה).

ואפי' בעניני קדושה שייך עה"ר וכדמוכח בכ"מ, וכן הגר"ח פאלאג'י בספרו נפש חי' מע' ע' אות כ"ח (והניף ידו שנית בספרו נפש כל חי מע' הע' אות ח"י). אמנם לא ימנע מעשות מצוה מפני חשש עין הרע, כגון לדרוש ברבים ללמוד דעת את העם – עי' להרב פלא יועץ אות ע' בערכו.

משיחת חמשה עשר בשבט

. . וואס בהמשך להאמור פון דעם ענין פון מ"ת וואס דאס איז פון היינטיקער סדרה.

Printed from Otzar HaChochma

און כתורה פון אלטן רבי'ן איבערגעגעבן געווארן דורך נשיא דורנו, אויף לעבן מיט דער סדרה פון דער וואך,

איז אויך מבואר בכ"מ אז דער ענין פון מ"ת איז דאס דעם חתונה פון דעם אויבערשטן מיט אידן, און אויף דערויף איז געזאגט געווארן דער ענין פון שיר השירים, וואס דער אויבערשטער און אידן איז בשעת מ"ת איז דעמאלט געווען זייער חתונה, וכמבואר בארוכה אין כמה דרשות פון חכמינו ז"ל ביז וואנעט אויך כמה הוראות וואס קומען דערפון ארויס בפועל.

וואס איינע פון די הוראות איז דער ענין פון "שושבינין" וואס מ'זאגט אז בשעת מ"ת זיינען געווען צוויי שושבינין: משה ואהרן. וכמבואר אין דרשות חז"ל בנגלה ובזהר ובכ"מ.

וואס איך ווייס ניט צי מ'האט מכוון געווען אבער יעדער ענין איז דאך בהשגחה פרטית, איז דאך אויכט אין די קובצים (הערות וביאורים – אהלי תורה) וואס זיינען ארויס לשבת שלפנ"ז וואס "מיני' מתברכין כולהו יומי'" שלאח"ז – פון ש"פ יתרו, האבן זיי דארט אויך ארופגעבראכט דער ענין פון שושבינין. בנוגע צו א מנהג ישראל אז שושבינין זאל ניט זיין קיין אשה מעוברת.

און מ'האט ארופגעבראכט אויף דערויף כמה אחרונים וואס זיינען זיך מפלפל און זוכן א טעם מאי טעמא?

און ווי דארט אנגעצייכנט די נעמען מיט די סימנים וכו' מיט א גאנצע שקו"ט.

און לאחרי כל ההסברה, און ווי זיי ברייננען דארט גופא אראפ פון די אחרונים בלייבט דער ענין אז דאס איז א מנהג, וויבאלד אז דאס איז אבער א מנהג איז ווי דער רשב"א זאגט אז א מנהג פון נשים זקנות איז אפילו אז ס'וועלן קומען די גרעסטע חכמים פון די אידן איז ח"ו דאס מבטל זיין, וואס דער רשב"א מיינט דארטן חכמים בחכמת התורה, וויבאלד אז דאס איז א מנהג מערניט פון נשים זקנות און אעפ"כ וועגט דאס אריבער די אלערליי שאלות וקושיות וסברות והסברות וואס ס'ווערן געבראכט פון חכמים מישראל און דער רשב"א פסק'נט אלס פוסק און דאס ווערט אזוי אנגענומען עד סוף כל הדורות א הלכה אין תורה אז אזוי דארף מען זיך נוהג זיין אין דעם ענין.

. . וואס י"ל הטעם בזה ובהקדים:

אז אין דעם מנהג זעט מען א דיוק, אז מ'איז מדייק אז בשעת ס'איז דא שושבינין צו א חתונה זאל דאס זיין א מאנסביל און א פרוי.

Printed from Otzar HaChochma

אוצר החכמה 116115

עד״ז דעם צווייטן מנהג וואס מ׳ברייגגט די דוגמא לדבר, און ווי ער שרייבט (דער מונקאטשער) אז דאס איז ״חד הוא״ זיי דארפן האבן דעם זעלבן טעם, אז בנוגע צו א ברית מילה איז דאך אויך דא דער מנהג ישראל אז ס׳זאל זיין א ״קוואטער״ אט דער וואס דערלייגט דעם תינוק, איז אויך דא א ״קוואטערן״ וואס זי דערלייגט אויך דעם תינוק און אויך מיט א דיוק אז ס׳דארף זיין א מאנסביל און ס׳דארף זיין א פרוי.

און אויף דיביידע ענינים מאטערט מען זיך וואס ביי ביידע שטייט אז אן אשה מעוברת זאל אין דערויף ניט זיין, און מאי טעמא; בשעת זי איז אין כל עניני התורה ומצותי׳ איז זי ניט נאר ניט ווייניקער נאר אדרבה – זי האט נאך אן עילוי וואס זי איז א אשה מעוברת וכמדובר ומבואר לעיל בארוכה אז זי האט זוכה געווען אַרויסנעמען א נשמה מאוצר הקרוי גוף און ארויסברייגגען אים און מקיים זיין די מצוה וכל הענינים כפי שמדובר לעיל בארוכה.

וואס י״ל הטעם בזה אויף דעם מנהג:

אז דאס גופא וואס מען זעט אז בכל מקום וואס ס׳איז דא דער מנהג – דער ענין אז מ׳זאל ניט נעמען און ס׳זאל ניט זיין די השתתפות פון א אשה מעוברת – גייט דאס בכל מקום צוזאמען מיטן דיוק אז ס׳דארף זיין א מאנסביל און ס׳דארף זיין א פרוי.

דערנאך ברייגגט דער אלטער רבי אר׳אפ בסידורו, וואס דאס איז גענומען טאקע פון כתבי האריז״ל אבער ס׳שטייט אויך אין אחרונים פון נגלה און דאס איז געווארן א מנהג הפשוט בכל תפוצות ישראל, אז בשעת ס׳איז דא דער ערב יום הקדוש וואס אט דעמאלט איז דאך דער מנהג ישראל תורה היא דער ענין פון ״כפרות״ וואס דעמאלט דארף זיין א תרנגול לזכר ״זכר לזכר״ און נקבה לנקבה, תרנגולת לאשה או לבת, זאגט מען דארטן אז אויב דאס איז אן אשה מעוברת איז אט דעמאלט דארף זי נעמען דריי, איינע דארף זיין בשבילה א תרנגולת און דערנאך דארף זיין נאך צוויי: א זכר און א נקבה – אזוי ווי זי האט דאך אן עובר; און מ׳ווייסט ניט צי דאס וועט זיין א זכר צי דאס וועט זיין א נקבה, דערפאר דארף זי האבן נוסף אויף די תרנגולת וואס זי נעמט בשביל עצמה דארף זי נעמען א תרנגול ותרנגולת בשביל העובר.

אוצר החכמה 116115

וואס האט מען דערפון ארויס?

אז בשעת ס׳רעדט זיך וועגן א אשה מעוברת איז דאס ניט איינע נאר דאס איז דריי, וואס אפילו שתי נשים איז אויך ניט דער ענין פון אשה יחידה און דערנאך קען גאר זיין אז דאס איז דריי! – וואס אין דערויף איז דא דער ענין פון א זכר.

וואס דעמאלט איז דאס ניט דער ענין פון ״שושבינין״, ווארום די שושבינין, כמדובר איז מנהג ישראל אז מדייק אז ס׳זאל זיין דוקא א זכר און א נקבה.

וואס אפילו צוויי נקבות איז אויך ניט דער ענין פון איינע, עאכו״כ ביי אשה מעוברת וואו עס קען גאר זיין אז נוסף אויף דער שושבין הזכר איז דא נאך א צווייטער שושבין א זכר און כנגדם מערניט ווי איין אשה.

וואס דעמאלט ווערט דאס אינגאנצן א שינוי בכל הענינים.

עד״ז בנוגע צו א קוואטער און א קוואטערן:

וויבאלד אז מנהג ישראל וואס תורה היא איז אז מ׳איז מדייק אז ס׳זאל זיין איין קוואטער און איין קוואטערן, דוקא איין זכר און איין נקבה — קען מען ניט נעמען קיין אשה מעוברת דערפאר וואס דעמאלט איז דאס א ענין וואס דאס איז ״שלשה״ !

מילא איז דאס ניט פארבונדן מיט סכנות ח״ו עין הרע׳ס וכיו״ב, און ניט ח״ו אימעצן אנרירן עאכו״כ פון דורות שלפנינו, גדולי ישראל און פוסקי ישראל וכו׳, ע״פ ההסברה אין שכל הפשוט מיוסד אויף דעם ענין ווי דאס איז אין דעם מנהג פון א אשה מעוברת פון לקחת שלשה — איז דער טעם כפשוטו.

דערביי בלייבט נאך אבער, וויבאלד אז מ׳דארף זיך מתייגע זיין איז הא גופא איז בעי טעמא:

אמת טאקע דער מנהג איז אז די שושבין איז איין מאנסביל און איין פרוי, אדער אויב מ׳נעמט ווי ס׳פירט זיך צוויי פארלאך סיי מצד החתן סיי מצד הכלה איז אבער אויך איין מאנסביל אנטקעגן איין פרוי און ניט איין מאנסביל אנטקעגן צוויי פרויען, אדער איין פרוי אנטקעגן צוויי מאנסביל — דער מנהג איז אינגאנצן ניט אנגענומען, דער מנהג איז אז מ׳נעמט צוויי פארלעך סיי מצד החתן און סיי מצד הכלה, און דערנאך איז דא ערטער וואס מ׳איז נאך מוסיף בזה, אבער עכ״פ אלס שושבינין איז דאס אחד זכר און אחד נקבה וואס דערפאר איז דאס שולל דער ענין פון אשה מעוברת.

וואס איז אין דערויף דעם טעם?

איז ווי דערמאנט פריער אז אזוי איז געווען ביי די חתונה פון אידן מיטן אויבערשטן וואס דאס איז דאך ״איש ואשה זו שכינה שרוי׳ ביניהם״, אז יעדער פארפאלק וואס האט חתונה כדת משה וישראל איז פארגלייכט מען דאס גלייך, אז דאס איז ״כשמחך יצירך בג״ע מקדם״, די ערשטע חתונה, אוך דערנאך ווי ס׳איז געווען ביי הר סיני (מ״ת) די חתונה הכללית פון הקב״ה מיט כנסת ישראל מיט אידן.

Printed from Otzar HaChochma

און ווי ער זאגט אין מדרש אז דעמאלט ביי מתן תורה זיינען געווען צוויי שושבינין ניט מער, משה ואהרן.

זאגט ער אויף דערויף אין זהר אז משה איז געווען שושבינא דמלכא און אהרן איז געווען שושבינא דמטרוניתא, פון די אידן.

וואס כאטש אפילו עפ"ז קומט דאך אויס אז ס'דארף זיין צוויי מאנסביל — איז דא אן אריכות אין דרושים פון דעם אלטן רבי'ן אין תורה אור אין תצוה, און דער ביאור נוסף אין די הוספות צו תורה אור און איז מסביר דארטן וואס האט אויפגעטאן אהרן: אהרן איז געווען עבודתו "בהעלותך את הנרות" אויף מעלה זיין מלמטה למעלה, בהעלותך את הנרות און די אלע שבעה פני המנורה וואס דאס איז כולל אלע אידן כמבואר בדרושי בהעלותך, ענין פון משה איז געווען "זכרו תורת משה עבדי" שושבינא דמלכא ממשיך זיין מלמעלה למטה.

און מ'טייטשט דאס אפ אז דאס איז מיא דדכורא ביי משה און מיא דנוקבא פון אהרן. וואס דאס איז דער חילוק פון זכר און נקבה.

.. עפ"ז דארף מען נאך האבן דער ביאור אין דער צווייטער מנהג שבזה: אז די זעלבע זאך איז ביי א קוואטער או ביי קוואטערן, איז אנהויבנדיק פון אותיות פון קבלה, אין קבלה שטייט אז "שושבין" איז דאס מידת היסוד, געבראכט אין קהלת יעקב פון כתבי האריז"ל ובכ"מ פון זהר וכו', וואס מילא אט דאס איז א מצוה וואס זי איז פארבונדן מיט ספירת היסוד, במילא איז פארשטאנדיק אז דארט איז דער ענין פון שושבין.

און וויבאלד אז א שושבין איז אט דעמאלט איז דא וואס פארבונדן מיט שני הענינים ווי א שושבין בנוגע צו חתונה און ווי געבראכט אויך פון די אחרונים אז זיי זאגן אז דאס מוז זיין דער זעלבער ענין מיטן זעלבן טעם וכו'.

ווי אזוי איז דאס אין א פשוט'ע אותיות, אין נגלה אותיות?

דער ענין פון מילה איז, אז דאס איז א ברית עולם און בריתו של הקב"ה בבשרכם פון א אידן, וואס דאס איז די דוגמא נוסף אויף דעם ענין אז דער תכלית פון א חתונה איז דאך אז ס'זאל זיין א ברית עולם בדוגמא ווי די חתונה פון דעם אויבערשטן מיט כנסת ישראל, וואס דאס איז במיוחד פארבונדן ווי די גמ' לערנט אפ אז פון וואנט וויים מען אין וועלכן אבר ס'איז דער ענין פון דער מילה אט דארט וואו ס'איז ניכר דער חילוק פון א זכר און א נקבה,

און אין דעם גופא אז מ'זאגט אז דאס איז בבשרכם, און דאס איז "ברית עולם", פון דעם אויבערשטן, איז דאס בדוגמא פון דער חתונה פון דער אויבערשטן מיט

Printed from Otzar HaChochma

כנסת ישראל וואס כוונתה איז דאך דער "פרו ורבו ומילאו את הארץ וכבשוה" פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

במילא איז אויך דארטן דער זעלבער דיוק, וואס דער דיוק דארף ניט האבן קיין ראיות, מ'זעט דאס בפשטות אז מ'איז מדייק אז ס'זאל זיין איין קוואטער און איין קוואטערן און דווקא איש ואשה, און דעמאלט האט קיין ארט ניט אן אשה מעוברת דערפאר וואס זי האט מערער, זי האט ווי געזאגט פריער זי און דערנאך א זכר און דערנאך א נקבה.

וואס דער ענין פון ברית מילה האט דאך אויך א שייכות מיוחדת צו א חתונה, וואס דער ענין פון מתן תורה איז דאך געווען אז עליונים ירדו למטה און תחתונים יעלו למעלה והיו לבשר אחד, וואס דאס האט זיך אויפגעטאן ביי מתן תורה, מיט איין אויסנאם, אז די התחלה בזה איז געווען ביי אחד הי' אברהם דורך דעם ענין פון ברית מילה שניתנה לו ולזרעו אחריו עד עולם, וואס אע"פ אז דערנאך איז מען מקיים די מצות מילה ווי דער רמב"ם זאגט אין פירוש המשניות אין חולין דארף מען דאס טאן ניט דערפאר וואס אזוי נצטווה אברהם, נאר דערפאר וואס אזוי איז נצטווה געווארן משה רבינו בשעת מ"ת, אבער ביי מילה דערמאנט מען דאך אז דאס איז בריתו של אברהם און חוק שם לזרעו ביי יצחק'ן מיט די גאנצע אריכות אין ברית מילה.

און וואס האט אויפגעטאן ברית מילה ביי אברהם'ן וואס קיים אברהם את כל התורה כולה עד שלא ניתנה — האט אויפגעטאן דוקא די מצוה פון מילה אז דאס זאל מקשר זיין דער "בשרכם" דער גשמיות העולם מיט די רוחניות פון דער מצוה אז דערנאך ווערט די גשמיות א חפץ של מצוה, און דערפאר איז שים נא ידך תחת ירכי אז ס'זאל זיין א שבועה בנקיטת חפץ איז געווען דער איינציקער חפץ של קדושה בימי אברהם איז דאס געווען "שים נא ידך תחת ירכי" האט ער זיך ניט געקענט רעכענען מיט א ענין וואס לא הכניס ידו מתחת אבנטו, ס'איז ניט געווען קיין ברירה.

וואס דאס איז אויך דער שייכות און דער קשר צווישן די ביידע ענינים, ווי געזאגט אין די אחרתים, ווארום דער ענין פון מילה מאכט א "חתונה" אז גשמיות איז עולה למעלה און רחניות איז יורד למטה, ביז וואנעט אז דאס ווערט איין זאך א חפץ של קדושה די קדושת המצוה מיט די גשמיות התפילין אדער צמר עור התפילין אדער די צמר הציצית וכיו"ב,

און דערפאר אויך ווי דארט איז געווען שושבינין איז דא אויך שושבינין, און אויך מיט דעם דיוק און מיט דעם אופן אז אז ס'זאל זיין אן איש ואשה.

(שיחות קודש תשמ"א ח"ב עמ' 252)

לאחרי ההתוועדות דט״ו בשבט, שאלו אחדים איזה קושיות על מה שנתבאר, ובהתוועדות דש״פ יתרו תירץ כ״ק אדמו״ר את שאלותיהם. בשבועות שלאח״ז המשיכו לדון בזה בהקובצים.

לקראת ש״פ תזריע, יצא לאור ׳ליקוט׳ מהשיחות דט״ו בשבט וש״פ יתרו (נדפס בלקו״ש חכ״ב שיחה א׳ לפ׳ תזריע), ותוכנו:

מביא המנהג בכ״מ, שאשה מעוברת לא תהי׳ ״קוואטערין״, ועד״ז שאשה מעוברת לא תהי׳ שושבינה לנישואין, וכתוב בספרים דחד מנהגא היא, וכיון דמנהג ישראל תורה היא, מסתבר דאי״ז מצד סיבה חיצונית (מצד סכנה, מחמת חשש עין הרע וכו׳) אלא נוגע לעצם הענין, וממשיך לבאר הטעם, דכמו שמצינו לגבי כפרות בעיוהכ״פ דמעוברת לוקחת תרנגול גם בשביל העובר, משמע מזה דהעובר הוא מציאות לעצמו, א״כ גם הכא כיון דמנהג ישראל שיהיו רק ב׳ שושבינין, איש ואשה (או ב׳ משניהם), במילא אין לאשה מעוברת להיות שושבינה דאז נמצא שיש יותר משניים, מצד מציאות העובר. גם נמצא דאינו בשוה נקבה כנגד זכר, ואפשר להיות דגם זה נוגע. ועד״ז הוא לענין הקוואטער, דהמנהג הוא שיהי׳ ב׳, איש ואשה.

בגליון פז (ש״פ מצורע) שאל הרב אברהם יצחק ברוך גערליצקי:

לכאורה אכתי צ״ב, דסוכ״ס מהו הטעם שיש קפידה בדבר שיהיו שתים דוקא ולא יותר, וכן שיהי׳ זכר כנגד נקבה דוקא, הן אמת שמבאר אח״כ בסעיף ז׳ למה צריכים לאיש ואשה דוקא, אבל אכתי צ״ב דמהו הטעם דהוספה בזה גורע, והרי זהו כל היסוד דלכן אשה מעוברת לא תהי׳ שושבינה או קוואטערין?

משיחת ש״פ מצורע, ז׳ ניסן

כאן המקום אויך צו מבאר זיין דאס וואס מ׳האט געפרעגט אין דעם ענין פון ״קוואטער״.

וואס ס׳איז דא דער מנהג ישראל אז מ׳נעמט ניט קיין אשה מעוברת וואס ווי דער רשב״א זאגט אז א מנהג ישראל — אפילו אז מ׳האט קשיות און מ׳פארשטייט דאס ניט — קען מען דאס ניט מבטל זיין.

וואס מען האט מבאר געווען דעם טעם המנהג פארוואס מ׳נעמט ניט קיין אשה מעוברת אויף ״קוואטער״, דערפאר וואס דא איז דער דיוק אז עס זאלן זיין דוקא

Printed from Otzar HaChochma

צוויי, איין זכר און איין נקבה, בשעת עס איז דא אן עובר — איז דא מער ווי צוויי, אדער דורך דעם עובר ווערט נשתנה דער מציאות האם.

האט מען געפרעגט, הא גופא קשיא: ווּעמען ארט דאס אז עס זאלן זיין מער ווי צוויי?

איז דער ביאור אין דעם איז ניט שווער: מ׳געפינט בכמה מקומות דער דיוק אויף לא פחות ולא יותר, אזוי איז דאס ביי דעם אורך ורוחב פון דעם שולחן וכו׳ אז ס׳איז ״לא פחות ולא יותר״, ביז אז ביי דער מנורה איז דער דיוק אז עס זאל זיין ״ככר זהר טהור״ ״לא פחות ולא יותר״ וכן עד״ז, ונוסף לזה איז אויך דא א טעם לדבר:

דער ענין פון א ברית מילה איז דאך דער ענין הברית, וואס דער ענין הברית איז ע״ד ווי מ׳געפינט ביי ברית בין הבתרים, אז מ׳נעמט א זאך און מ׳צעטיילט אים אויף צוויי, און די צוויי וואס קומען בברית גייען דורך די צוויי האלבע, און מיט דעם ווערן זיי איין זאך ע״ד ווי די צוויי האלבע זיינען געווען איין זאך פאר דערויף.

איז בשעת עס קומט צו מער ווי צוויי — איז דאס מבלבל; ס׳איז ניט דער ענין, ס׳איז היפך דער ענין.

נאך א טעם: מילה איז פארבונדן מיט יסוד, און מיט דעם ענין הצניעות, און עס דארף זיין ״לא עבור זר בתוכם״, טוט מען דאס ניט מיט מערער ווי ע״י שנים,

ועד״ז איז אויך בנוגע צו שושבינין.

עס איז אויך דא א טעם אויף דעם מנהג ישראל אז מ׳נעמט ניט קיין אשה מעוברת אויף שושבינין:

דער ענין פון שושבינין ווי מ׳האט דעמאלט גערעדט, איז צוליב דער ענין הבושה, אז וויבאלד אז דער חתן וכלה זיינען בושים זיינען דא די שושבינין וואס רעדן מיט זיי וכו׳.

איז בשעת עס זיינען דא מער ווי מ׳איז מוכרח האבן איז דאס ניט אזוי גוט צו דעם ריידן פון די שושבינין און דעם הערן פון דעם חתן וכלה, און זייער מקבל זיין, משא״כ בשעת עס זיינען דא נאר די מוכרחים — דעמאלט איז גרינגער דער ריידן און דער הערן און דעם דערהערן, כנראה במוחש,

וואס דערפאר איז דער מנהג בנוגע שושבינין אז עס דארף זיין דוקא צוויי.

(שיחות קודש תשמ״א ח״ג עמ׳ 92)